ווי א ברענענדיגער זון

J. J. S.

פון א. ש. שקאלניקאוו

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

א. ש. שקאָלניקאָוו

פאַר אַ ברענענדיגער זון

לידער

פאַרלאַג „רויע ערד׳
מאָנטרעאָל, 1921

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY
OCT 23 1904

PJ
5129
S436F3
1921

PUBLISHED BY
FARLAG "ROYE ERD"
MONTREAL
1 9 2 1

מיין ליבען י. י. סיגאל

פ א ר   א   ב ר ע נ ע נ ד י ג ע ר   ז ו ן.

פאר א ברענענדיגער זון
שטייט אַ קרייץ,
און עס צינדט זיך שאַטענדיג אויף אים
דער בלאסער פּנים
פונ'ם געקרייציגטען :
דער טאָג, ווייס־גלויביג איז געפאלען צו זיינע פיס,
די ערד האָט אָטעמדיג געזשיפּעט דאָס פייער אין זיך...

פאר א ברענענדיגער זון
בין איך אויפ'ן וועג אַנגעקומען...

פ ו ן ח ל ו ם .

אָרים ווערסטו גאָט פון אונז, אָרים,
מיט יעדען פארבען בייט
פון טאָג אויף נאַכט נאָענטער צו דיין סוף.
לעשט זיך אליין אין די פארבען אונזערע,
אויף אויסגעקילטען שטיין און אייזען.
פון דיין צוואוארפענעם פארגליווערטען פייער
ברענסטו קיינמאָל צוריק אין אונז ניט אויף,
וואס באהאלט זיין הייסע נשמה
אין דעם פינסטערען שאָטען פון הינטער אונז...

אָרים ווערסטו גאָט אין אונזערע אויסגעפארבטע נשמות
פון אלערליי קאָלירען וואס פארבען זיך שוין ניט מער,
צו דיין וואונדער וואס וועט איצט ניט געשעהן,
דורך דער אויסגעקילטער צייט...
און דיין קאלט ווערען אין אונזער ליכט פון דערלייזונג—
ווערסטו אָרים.

און דיין אָרימקייט אין אונז מאכט אונז פרעמד און עלענד
איינעם צום אנדערען, און בלינד און באהאלטען אין סודות
אין מיטען דיין גרויסער וועלט און ליכטיגער זון.
ווי די עלענד אויפגעהויבענע שאָטען שטאָט
פון מיטען דיין נידעריגער וועלט,
אין דער שפעט טיפער נאַכט אין פינסטערען שלאָף.
און פאל איך א טונקעלער קרבן פון דיין אָרימקייט אין מיר,
פאלען אָן צאָהל נאָך קרבנות צו מיר.

ג ר י ב ע ר .

ליגען אויסגעשפּרייטע וועגען
מיט שטויב און שטיינער באדעקט,
וואס פירען צו טייכען, ים'ען און שטיינערנע שטעט,
וואו דיין נשמה איז פארמויערט אין ליארעם
פון צינדען די שווארצע נעכט,
און אויסלעשען די ווייסע טעג,
אויפ'ן זשעדנעם שיין פון אונזערע אויגען;
און מיר שטילען זיך מיט ווייליגע פרייד,
אין די קנייטשען פונ'ם פארביגען הימעל,
וואס שטויבט מיט צורונענעם לעבען אויף דער ערד,
און פארשטויב אין דער אייביגקייט די אָפענע גריבער
וואס ווארטען ארום די טריט פון אונז און דיר.

ר ו י ט.

זיפט זיך דאָס לעבען
אין דער זעל פון אונזערע אויגען,
די נשמה איז באהאלטען הינטער דעם ליכט.
האָבען מיר הענט אונזער קינד געגעבען,
און א קאָפּ א בלינדען צו דער ערד בויגען,
ער זאל פון בלינדקייט זיך אליין שלאָגען אין געזיכט;
און ווען רויטע בלוט וועט פון איהם רינען
זאל עס אונז ניט הארען — עס איז ניט זיין בלוט!
ס'איז דאָס בלוט פון אן ארימען גאָט
וואס האָט זיך אליין ניט געקענט געפינען,
ווען דאס לעבען האָט רויט צוזיפט יעדער מינוט
איבער פעלדער, וועלדער, דערפער און שטאָט.

בלוט.

אז מיר האבען דיך יא גערופען
מיט דעם קול פון אונזער זודיגען בלוט
ווען די האק איז געפאלען
קאלט און טיף איבער אונזער ווייכען קאפ,
ביסטו צום ליכט פון קול ניט געקומען.
און צום ערשטען מאל
האבען מיר געפילט אויפ'ן בלאסען צונג
דעם טעם פון אונזער אייגען בלוט,
און דורשטיג זיינען מיר געווארען
צו אונזער אייגען בלוט...—
און רופען דיך האבען מיר שוין מעהר ניט געקאנט.

גאָט.

נאָך ווייסען זיי קיינער ניט וואו דו וואוינסט
און האָבּען דיין טיר נאָך ליכטיג ניט געעפענט,—
זוכען זיי דיך אום בּייטאָג און בּיינאַכט,—
און קענען דיך ניט אין זייערע אויגען געפינען.
שטעלען זיי אויף הייזער מיט אָפּענע טירען,
האקען אוים פּענסטער צו דיין פולער־ליכט
און קניען געבּראכענע צו איהר
ניט קענענדיג דיך פון זייערע הערצער ארויסשפּינען.
שמאָל זיינען זייערע אפענע טירען
און בּלוי־געל־רויט־פינסטער זיינען זייערע פענסטער,
קענסטו מיט דיין גרויסקייט אין זיי ניט אריין,
און קענסט ניט מיט דיין העל ליכט זיי דאָרט צינדען;
שפּילען זיי איינזאמע אין אלע שפּעטען אויף די אָרגלען,
שפּילען טויזענטער יאהרען פון זיך ארויס,
די אָנגעקליבּענע טרערען פון גארענדיג נאָך דיר...

ג ע ו ו י י ן.

איצט דרייען זיך אין א ווילדען טאנץ פאראַרימטע געטער —
און מיר זיינען נאָך אלץ זייערע גוטע פרומע בעטער.
שטעהן מיר פארלאָרענע אינ'ם רעש פון זייער ווילדען טאנץ
און בויגען די קעפּ און בעטען פאר זיי צום זונען־גלאַנץ.
זאל אַנטרינען די רויטע צייט מיט דעם לעצטען געשריי
פון יענעם וואס דער מעסער האָט פארענדיגט זיין וועה!
פארענדיגט אויף אייביג און מעהר איז ער נישטאָ,
און זאל זיך צוריק אָנהויבען זייער ליכטיגע שעה.
טאַנצען נאָך אלץ די געטער אין דער פינסטערניש אייביג אליין
הילכט דורך זיי איבער דער וועלט אונזער פארלאָרען געוויין.

ק ר י י צ י ג ו נ ג .

אַט אזוי ווי זיי זיינען עלענדע און אָרימע פון דיר,
אזוי האָסטו זייערע הענט ניט פאַרמאַכט
וואס האַלטען דעם שפּיז און דעם מעסער,
און טויטען און טויטען דורך דער לענג פון דעם טאָג,
און באַפלעקען דיין ווייס־ליכט מיט רויט טויטען בלוט.
אז די שרעק פון פינסטערניש און אומרוה קומט אָן,
זיינען אפען זייערע אויגען מיט חיה'שער מורא אין נאַכט
צום ווינקעל פון וואַנען עס ציהט זיך דער אייביגער שלאָף.

ליגט שוין דער קאָפּ צו דער ערד פאַר דעם ווינקעל,
און די ליפּען פאַרטויבט שעפּטשען א תפילה,
נאָר די הענט זיינען נאָך פון בלוט ניט געוואַשען.
די גלעזערנע אויגען האָבען קיין טרערען פאַר דעם ווינקעל ליכט,
און לאַנג איז די תפילה פאַר דעם צאַנקענדיגען גלויבען
ווי א שוואַרצער רויך פון א ברענענדיגער הויז.
און ווערטער שאַרען זיך קאַלט פון די טויבע ליפּען
אזוי גרויס :
גאָט הער אויס דאָס געבעט פון אָן עלענדען אָרימאַן,
וואס בעט איצט צו דיר און ליגט די האַק איצט פאַר דיר ;
שטאַרק, אָ, די הענט וואס וואַשען זיך אין דעם בלוט פאַר דיין בלוט
און פאַרגיב מיר דיין קרייציגונג פאַרגיב !

זעה זיי.

זעה זיי!
די אַנגעקומענע פון אַלע וועגען —
וואס ציהען טרויער פארביי דיין טיר
פון דיין ברענענדיגער זון.
שטומע געבויגענע פון וואונדען שרעק,—
עדות אויף דיין בלוטיגען בראָך אין אונז
און קומען און קומען נאָך.
לייגען זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט
ביי דעם שוועל פון דיין געבעט־הויז,
וויינענדיג פון פיין צו דער פארבלוטיגטער ערד.
זעה זיי!
די געפאלענע אויף דיין ערד,
וואס דערציילען נאָר פון א לאַנגער שרעקליכער נאַכט,
ווי אין א פינסטערען תהום פון ביינערדיגע שלענג,
פארוואונדערטע ביז אין די וויימסטע דורות...
זעה זיי
די געיאגטע דו ערלייזער פון אָרימע נשמות,
ווי עס רינט דיין בלוט פון זייערע וואונדען
אויף די וועגען ביי דיין קרייץ פאר דיר.
און דו, ווי פארצערט פון טויזענטער פיינען,
קוקסט אראָפּ מיט א טויטע שיין צו דער ערד,
און קענסט ניט וויינען מיט זיי מיט דיין אייגען הארץ.
קענסט ניט ליידען פאר זיי מיט דיין אייגען שמערץ
און אויך ניט אראָפּוואשען מיט דיינע ווייסע הענט,
די טראפּענס בלוט פון זייערע נאַקעטע וואונדען,
ווי דו האָסט אין דיין פריהען לעבען געטאָן..
די צייכענס פון זייער בראָך פאר דיין ניט מענשליכען טויט;
דאך קענען זיי דיין טויט ניט אריבער שפאַנען
מיט דעם נאָמען „גאָט" אויף די ליפּען.
אין דעם אייביגען דויער פון דיין צייט
און זיי וועלען קיינמאָל אין זייער בלוט דיך ניט פארשווייגען
אויף די איבערגעקרייצטע וועגען דיין טויט־ליכט ניט פארזעהן...

פון דינען.

דער ערד די דינסט פון מיינע טריט,
דעם הימעל די דינסט פון מיינע אויגען,
די לוין וואקסט אויף מיינע פלייצעם.—
ווער וועט פאר מיין דינסט מיר באצאָלען?

דין איך דער וועלט אוים א קרבן פון זיך
אויף שפיזען און מעסערס געשטיצט,
די לוין וואס זי דארף מיר פון אייביג אָן צאָלען
ווערט פון איהר מיט אייזען און פייער באשיצט...

צאָל איך זיך איצט שוין אליין
פון דינען די דינסט איז מיין לוין,
פייער קאָן ברענען און פייער ווערט פארלאָשען...

דין איך דער וועלט אוים א קרבן פון זיך,
א קרבן פון העק־מעסער, שפיז און פייער.
און צאָלען וועט דאָס בלוט פאר מיין לוין
וואס וועט דעם קרבן אויפהויבען פונ'ם פייער...

דער גלאָק.

אין זיבענערליי קלאַנגען,
אין זיבענערליי קלאָגען
וויינט דער גלאָק ארוים זיין פוסטקייט,
און צוקלינגט זיין פוסטקייט איבער אונז,
מיט פרעמדער זינד און זייער שרעק.

אין זיבענערליי פייערען,
אין זיבענערליי שיינען,
ברענען אויף די שאָטענס פון זיין באהאלטענקייט,
און צושפרייטען זיך אין רויטען שטויב און אַש
מיט אראָפגעפאלענע שטראלען קאלט און טויב...

אין זיבענערליי שאָטענס,
אין זיבענערליי פינסטערקייטען,
געהט דורך זיין קלאנג איבער אונזער געזיכט
און לאָזט ניט קיין סליאד נאָך זיך געהן,—
בלייבען מיר בלינד צו די שאָטענס פון זיין אוועקזיין...

אין איהם באהאלטען און פארשטעלט
קלינגט אויף נאָך פינסטער די וועלט,
און מיר בעטען נאָך אַלץ דאָס ליכט זיך צו דערקאָנען...

אומגליק שיין.

אין קאלטען שיין פון אומגליק זיינען מיינע גלידער טויט,
געה איך ארויס אין דער מיט פון דעם אומגליק—א גאנצער.
אויפגעהויבען פון דער ערד ווי א כוואליע פון ים
איבער די ברעגען פון טויט אין מיט פון נאכטיגען שטורם,
קומען אנטקעגען מיר אן די טויטע פון קאלטען אומגליק שיין,
וואס זיינען פאר מיר דארט פאראייביגט געווארען...
דורך בלוט און דורך טרערען און אייביגען שרעק,
טרייב איך צוריק אין דער מיט פון דעם אומגליק שיין.
פארבען מיט מיין רויטען בלוט די טויטע שטיינער
וואו עס גלאנצט דער אומגליק ביימאג און ביינאכט.
צום לעבען מיינעם וואס איז ווי א פלעק פן זיין רוה,
בין איך שוין א צושטערטער אויף פיצלאך פייער ערד
אין מיין ווינקעל...
אויף דעם אויסגאנג רויך וואס דארף פון מיר געשען,
וואס וועט פון קאלטקייט זיך אויפהייגען אויף א וואלקען,
וואו א גאט איז פאראן פאר ווייסקייט און גלויבען,
וואס וועט אליין פארבען דעם שטיין פון מיין טויטען גלאנץ,
אהן מיין בלוט, אהן מיינע הענט רויט, רויט...

גאָט'ס ווייסקייט.

אין ווייסען געבלענדר אויף די באַרוהטע וועגען
וועל איך ניט גלויבען מיין לעבען,
אז ער האָט פאר מיר מער וואונדער, מער שרעק
וואס איז ביז איצט ארום מיר געשעהן.
זאלען די פייערען פון הימעל,
וואס שלאָגען זיך דורך א טונקעלען וועג צו דער ערד,
זיך צוברענען אין דער לופט און צופלאַקערען,
און אויפהעלען די פינסטערניש פון אַנגעווייגטע טרערען.
וועל איך אלץ ניט גלויבען מיין לעבען,
דורך דעם ברענענדיגען ווייטאָג אין מיינע אויגען.
ווייל וואס איך האָב געפילט און געזעהן
אין דעם געבלענדר פון גאָטס ווייסקייט
וועט טויט מיט מיר אין קבר געהן...

די טעג וואס זיינען געווען...

ווען איך נאך אזוי אפווארטען די טעג
ביז'ן לעצטען פונק פון מיין נשמה,
און מער נישט פילען אויף זיך די שרעק פון דער נאכט,
וואס איז נאר פינסטער פון טאג.
און דורך די ווייסע שווארצע שעה'ן
ציה איך זיך דורך ווי דער קלארער רויך,
וואס הייננט אין ערגעץ זיך ניט אן
און ווערט אליין פון זיך ניט צערונען.
אויפ'ן גרויען שטויב און נאסער קאלטקייט
ביז א שטארקער פייער צורייסט איהם אין דינעם אש.—
דאן פאלען מיר נאך אלע מיינע טעג ווי א בייזער געוויסען,
צינדען זיך אן אין פייער־פונקען פון מיין נשמה,
און לעשען זיך אליין אויס אין זייער ציטער.
בלייבט אויף ווייטערדיגע טעג פאר שוין גארנישט
ווי א שטיק רויע ערד פון אונטער דער זון,
טריקען איך איין אין זיך די שרעקען וואס זיינען שוין געשעהן.

א צובראָכען האַרץ.

וועט דער פייער וואס ברענט אין א צובראכען הארץ
הייסער און גאנצער צוריק ניט אויפברענגען דאָס האַרץ;
דער רויך וואס שטיקט אוים די שיין פון די אויגען
און טונקעלט, און שווארצט די וועלט פאר דעם געבראכענעם;
וועט צו קיין רוה זיין בענקענדיגע שיין ניט ברייננגען.
פון די הימלען דורך נאַכטיגע שטערען
וועט זי וויים־שארף אראָפּ וויינען צו דער ערד...
און קיינער וועט מיט די אויגען פארשטיין
זיין אומרוהיגע שיין,
ניט אין הויז ניט אין פעלד זי זעהן.
אלע בליאסקען פון נאַכטיגען טונקעל וועלען זיך פארלירען
ווי אויסגעלעבטע סודות פון זיין שיין.
איז בעסער פאר דעם געבראכענעם די רוה אָהן ליכט,
וואו שווייגען אין בלינדקייט איז זעט פאר'ן הארץ
וואו ווי און פיין גיסען זיך אוים אין אַ שווארצען הייל־ליכט...

פ א ר מ י ר א ל י י ן.

פאר מיר אליין איז געבליבען אַ דור יאהרען
פון אויפגעגאנגענעם פלאקער ליכט.
אז דער ווייטער ווייסער מאָרגען,
קען מיט מיין היינט זיך שוין ניט פאָרען,
ווייל שווארץ און בלינד האָט דער רויך געמאכט,
דעם פנים פון מיין אויפגעשטאַנענעם דור.
דרייען די יאָרען פון מיין דור מיך איצט רעדעלדיג ארום,
און איך שטעה אין דער מיט ניט גלייך און ניט קרום,
ניט אין דער הויך ניט אין דער נידער,
זעה נאָר די געדריקטע לופט דעם שווינדעל פונ'ם קרייז,
און ווי ס'ווארפען זיך אין איהם,
פון מיין אויפגעשטאַנענעם דור די גלידער.
און וואו בין איך, וואו בין איך?
האָב איך נאָך די ערד אונטער מיינע פיס?
האָב איך צוזאמענגעקליבען די גלידער,
פון מיין אויפגעשטאַנענעם דור דעם בלינדען?
וואו בין איך, וואו בין איך?
נאָט גיב מיר דיין רוח־ליכט איך וועל זיך די אויגען אָנצינדען.

אנטקעגען געהן.

זעהסט מיין קינד,
די פינסטערניש פון אַנהויב וועלט,
איז אונז דעם לאַנגען ווייכען וועג פארלאָפען.
דארפען מיר געהן צוריק,
צו מוזען מיר געהן צוריק און זעהן אונזער אייגענעם סוף?—
גיב מיר דיין האַנט, מיינע אויגען הויבען זיך אָן צינדען,
און אָט באלד וועלען מיר דערגעהן, דערזעהן אונזער ברעג.
דער שווינדעל ראָד וואס דרעהט זיך פאר אונזערע אויגען,
האקט זיך, ברעכט זיך און צופאלט זיך אין די זייטען
און עמיץ קעהרט שוין דארט פאר אונז דעם וועג,
פון טויזענט יאָריגע שטויבען און ווילדע שטיינער,
צו דעם לעצטען פייער פון אונזערע אויגען.
איך קען שוין מיינע אויגען פאר דעם שרעק ניט באהאלטען,
ביז'ן טיף פון מיין אַנגעווייטאָגטען בלוט,
און צו דעם מיין קינד געהסטו אויך איצט מיט מיר,
אנטקעגען דעם מזל וואס געהט אונז אנטקעגען,
ווי א שווארץ־רויטע כוואַליע פון נאַכטיגען הימעל.
זעהסט מיין קינד די פינסטערניש פון אַנהויב וועלט
איז אונז פארלאָפען דעם וועג פון העלען מאָרגען,
דארפען מיר געהן איהר אנקעגען...

יאָרען אומרוה.

לויפען מיר מיינע אויגען פון טאָג צו נאַכט,
זיפען דורך די לענג אין דער ליכטיגקייט,
צי איז עפּעס דאָ אַן אָנזאָג פון ווייט פאר מיר,
וואס זאל דורכבליאַסקען די גרוי־געדיכטע יאהרען,
וועלכע ס'שלייכען זיך פון דארט ווער ווייסט מיט וואס צו מיר.
קוק איך יעדער איינעם אין די אויגען אין געזיכט,
צי האָט זיי שוין געטראָפען פון דער ווייט דאָס ליכט,
און דארפען שוין מיך גאָר ניט הערען און ניט פארשטעהן
די פרעמדע אייביגקייט ענטפּלעקט זיך זיי שוין,
און דאָ פאר די טירען מיר ווארטען,
ניט גענוג איז פאר אונז דאָס שפּיל,
פון גליענדיגע שטיקער פארב אין רעש'יגען גאָלד קלאַנג,
וואס וויינט נאָך צו אונזער געפיל...
קומען אַן נעכט און מיר רוהען זיי ניט אויס,
די רוה אונזער רוה האָבען מיר פארשפּילט,
און זי איז שוין ניטאָ אין אונזער שאָטענדיגער הויז;
זאגען איצט גארנישט מיינע אויגען,
די אייביגע הימלען דרייען זיך אום אין זיי,
און ווערען איינגעשלאָפען אין זייער טיפען שיין,
און סוד'ען זיך איצט אין מיין וואך בלוט אריין...

ר ו י ט ע   ש אָ ט ע נ ס.

די רויטע שאָטענס פון אונזערע טעג — ווער זעהט זיי ?!
ווער בלייבט נאָך זיי אַן אָפּגעשלאָסענער אָהן צווייפעל ?!
איך זעה די בייזע שאָטען־שטראָמען פאר מיינע פּיס
ווי שווארצע אָפענע טייכען
טיפער נאָך פונ'ם שטומען טויט.
און בלייב ארום זיי איינגעשלאָסען מיט'ן צווייפעל אין זיך.
וואלטען זיך כאָטש די רויטע שאָטענס,
אַנגעבונדען אַן מיינע פיס,
און אוועק מיט מיר צום קבר זייערען,
פאר די אָפענע אויגען וואס דארפען זיי ניט זעהן,
און ניט לאָזען א טרער נאָך די אָפּגעמעקטע טריט...
מיין קרבן איז סיי ווי א צוריקגעלאָזענער צייכען,
ווי ווערטער אויסגעהאקטע אויף א מצבה,
מיט דעם נאָמען און יאהר.
פון א ווייט געוועזענער צייט מיט טעג, נעכט און גרויל.
דערצייל איך זיך איצט אליין די צייט פון מיין אוועקזיין
אזוי קאלט און רוהיג ווי אַן אויסגעקלונגענער פאל,
פון א לעצטער לאָפּעטע ערד אויף א פארשאָטענעם קבר,
און איבער מיר לויפען שוין די יונגע שטראָמען
פון א וואקסענדיגען כח־גייסט,
וואס וועט לייענען די ווערטער
און זיי האלטען פאר אַן עדות איבערן קבר פון די רויטע שאָטענס...

ס ו ד ו ת.

האלטען מיר אָפען די טיר און פענסטער
און זאגען זיך אליין אויס סודות פון אונזערע טעג,
נאר איין מורא'דיגער סוד ציהט זיך דורך פאר אונזערע אויגען
ווי דער פלאם פון ברענענדיגע נשמות.
פאלט ניט ארויף צו אונז אויף די ריידענדיגע ליפען,
האלט איהם די נאכט אין איהרע פינסטערע קנייטשען
איבער אונזערע קעפ אין דער לענג פון דער וועלט.
און יעדער סוד אונזערער,
וואס אנטרינט גאנץ מיט דער נאכט,
הויבט אויף דארט א רויטען שלייער פאר זיך און פאר אונז.
טראָגען זיך נאָר צו אונז זיינע הייסע פונקען,
מיט פיין און אימה'דיגען ציטער פארשלייערט אין ווייסען טאָג,
און בלייבט אונז א ווייטער געהיים...
זיינען נאָך אלץ אפען אונזער טיר און פענסטער,
און מיר זאגען זיך אויס און שפינען זיך אויס פונ'ם רויטען סוד,
טויזענט אנדערע סודות אין געהיים,
ווייסע, שווארצע, אָפגרונט טיף הימעל הויך,
איינער איבער'ן אנדערען אַנדערש ציטעריגער, אנדערש, אנדערש...

אַ פּ ר ו ה.

פון הויז אין גאס, פון גאס אין הויז,
פון נאכט אין טאָג, פון טאָג אין נאכט,
ווארט גרייט מיין בעט פון פארוויגונג
אַ צוגעשפּארטע צום וואנט.
און מיינע אויגען אין אַ שלאָפענדיגען שלייער,
זיינען אויסגעריכט צו יעדער רגע רוה.
ניט פון מידקייט איז מיין שיין אין דרעמעל...
ניט פון בענקשאפט און פארטראכטקייט,
נאָר פון אַ טעמפּען בלינדען שרעק,
וואס קלינגט ווי אַ גראָבער אקער אייזען
איבער אַ הוילען יונגען ביין,
פון אַן אָטעמדיג לעבען אין אַ פּוסט פעלד;
באהאלט זיך אין מיינע אויגען דער אָפּקלאנג,
און גרוילט מיר אוים דעם שלאָף אין וואנדער חלומות.
בארוויגען זיך מיינע פים אויף דער ערד אין אומרוה
מיין קאָפּ שלעפט מיט זיך אין בעט די אומרוה;
וויגט זיך ארוים קאַלט דאָס שיין פון מיינע אויגען.
פאלט שווער דאן צו מיר צו דער טעמפּער קלאנג,
פון אַ גראבען אקעראייזען איבער אַ יונגען בלוטיגען ביין
אין אַ צאפּעלדיגער פארוויגונג פון אָפּרוה...

ט ו נ ק ע ל ע   ל י ב ע

אויפ'ן צאפּעל שיין פון מיינע אויגען
בּליהט די שעהנקייט פון אָנגעבּענקטער ליבּע.
מיט די פייער־רויזען פון פארנאכטיגען הימעל
וואס ווערען שווארץ אויף דעם בּוים די בּלעטער.
וואקס איך אויס א טונקעל פארליבּטער,
פון אונטער די שווארצע פייער בּלעטער,
ארום די בּוימער אין נאָענטע שאָטענס,
וואס צייכענען מיך אין זיך אויס אויף דער ערד,
ווי פארבּליבּענע נאָך א העלען בּרייטען פייער רעש,
אין בּערגלאך איבּערגעבּרענטען בּרוינעם אש,
פאר'ן ווינט, פאר'ן לערען רוים ;
אויסגעמישט און פארוועהט ווערען אין איין אָטעם פון נאכט.
האָבּ איך טונקעלע ליבּע פאר קראנקע פון זומער,
האָט די נאָכט די שווארצע היילונג,
פאר זייער פארצווייפעלטען געבּויגענעם געמיט.
בּליהט אויף בּיי זיי אין דער פינסטער דער ווונש,
צו פארטיילען די קראנקע שעהנע זומער־רגע'ס
דער נאָכט דעם הימעל און די אויגען,
וואו די טונקעלע ליבּע שמאכטענדיג רוהט.

פון שרעק.

און ווער ס'האָט זיין אויגען־שיין און רויטען פייער געבלענט
האָט געפילט די קאלטקייט פון טויט אויף זיינע הענט;
דעם גרויען אש פון א צושאָטענעם הורבה־רויך
אויפ'ן הארץ און אויפ'ן פנים אין בלוטיגען געבלייך....
אבער ניט דאָס אויסגעהן פון דעם פייער האָט ער די שרעק
נאר פאר די אויגען וואס שפּיזען פון פייער און שניידען ווי א זעג
זיין לייב, זיין רוה, זיין ווייט אָנגעבענקטען לעבען,
וואס ער פלעגט פון א ווייסען חלום פאר זיך וועבען.
פאר די סקעלעט־ביינער פון זיין מאַמען פאר די דארע בריסט פון זיין פרוי
האָט ער איצט די שרעק וואס לאָזט אזהם פארבלוטיגט ווערען אין גרוי.
און ביי וועמען עס צינדט זיך נאָך א ווייסער חלום אין קאָפּ,
זעהט ליכטיג די אָבגרונטען וואוהין זיין פיין זינקט אַראָפּ,
ווערט אפשר ווייט צו זיין חלום ניט דארפען געהן,
ווייל אין גאָטס ווייסקייט איז פאראן נאָך א שיין,
וואס בלינדע וועבען איהם אויס בייטאָג אין א ווינקעל,
און צינדען אָן די וועלט מיט רחמנות אין נאכטיגען טונקעל,
פאר אלע וואס וויינען פון שרעק מיט אפענע אויגען צום הימעל...

ע ל—ג ע ן...

איך צאָל שוין מיט דער פרייקייט פון מיין אָטעם,
און מיט דער רוה פון מיין הארץ,
פאר דער שטומער פריינדשאפט פון אויגען,
און עס בינדען מיך שווער די ווערטער פון רייד
צום טראַכטען פון גרינגער היילונג און פארגעסענער פרייד,
וואס איך האָב קעגען זיך ניט פארמידען;
וואו א בוים וואו א בלאַט איז א שאָטען פון מיין חלום,
אין דעם ציטער זייערען באהאלטען...
וועט אוועק דער זומער און הויל וועלען בלייבען די בוימער,
אָהן די קליידער בלעטער אָהן דעם שאָטען פון מיין חלום,
און איך וועל צוריק ניט באקומען:
די פרייקייט פון מיין אָטעם און די רוה פון מיין הארץ
ווי א שטומער פיין וועט דער הערבסט אונז וויקלען.
וויקלען און וואשען מיט גרויע רויך־טרערען,
און בויגען און בינדען צום שווארצען ווארצעל פון דער ערד.

די גייסטיגע מלוכה.

פייער טאָג ווייסע הימלען דורכגעזעהן ריין איז מיין בלוט.
ווי אויף שטריק ציהען זיך, פלעכטען זיך זון־שטראלען פון הימעל אראָפּ,
צום הארץ, צו די אויגען פון מיין בענקען דעם אָבּגרונט פון ליבע.
איבער זומער און ווינטער שפּרייט זיך פארביג דער גייסט פון געוועלטיגען
דורך מיר און דורך די קינדער פון שפּילענדיגער שעהנקייט,
וואס וואקסען אונטער צו מיינע ארימס מיט פארטראכטען פייער אין די אויגען.
אויף זיי שטעל איך איצט מיין ווארט, זאָג ארויס די פרייהייט
פון א וועלט מיט געבונדענע דורות צום מעסער־שניט צום פייער־קויל,
וואס שטעלען זיך אליין מאָנומענטען פון ווילדען דענקען נאָך בלוט.
און דו גרויסער מאַן פון דעם לאַנד, פירער פון דעם פאָלק,
אויפ'ן שפּיץ פון ליכטיגקייט ביסטו ארויף א בלינדער...

* * *

אינ'ם וויגענדיגען פרימאָרגען.
זון און ליכט, פריידיגקייט!
האָט זיך אויפגעפראלט וועלטליכקייט צו מיר
און אז אָפען זיינען די אויגען,
און דורשטיג דאָס האַרץ,
ווערט צוגליט די בלינדע נאכט אין זיי
וויים און פריי.
און די אויפנייאונג פונ'ם וויגענדיגען פרימאָרגען
הויבט זיך אָן מיר אין קאָפּ אריין זויגען.
און דאָ ביים טישעל פאר דער גלאָז קאפע
אין די הויכע שעה'ן צום גייענדיגען טאָג,
ליגט די רוהיגקייט פון קינדערשער פרייד
אויפ'ן אויפגעוואכטען טאָג.
דערהויבט זיך צו מיין אויער א געזאנג:
אלי — אלי,— אין פייער און פלאם — — — — — —
און גיסט זיך אויס אויף אלע ליכטיגע ווענט,
פונ'ם אָנגעפייערטען פרימאָרגען ארום מיר,
און עס פאלען זיך פאנאנדער די ליכטיגע ווענט,—
אין איין באַרג אַש , רויך און פלאם.
איך בלייב נאָר א ליכטיגער אין דער מיט,
ווי אויף א שטורעמדיגען ים מיט מיין שיף.
און זעה פאר זיך ניט קיין אויסוועג,
נאָר הער נאָך אלץ דאס געזאנג ווי אין א חלום־שלאָף,
אלי—אלי,— אין פייער און פלאם — — — — — —

האָב איך א געזאַנג.

האָב איך א געזאַנג פאַר זיך אַליין אויסגעקליבען,
און זינג איהם אויס אין דער פינסטער פאַר'ן שלאָף.
ס'איז אָבער ניט דאָס געבעט פאַר'ן לעבען,
און ניט דאָס שרעק פאַר'ן טויט,
איהר קענט מיין געזאַנג הערען אין מיט'ן טאָג אויף דער גאַס.
פון אַן אָרימען טאַצען־קלאַפּער פאַר א פּעני
און פון א וויינענדיגער פלייט אויפ'ן מזל,
פון צוויי פרעמדע מענשען וואָס שטייען אונטער דער חופּה.
און מיט מיר זינגט אויף אין דער שטילקייט א גאַנצער דור,
פון הינטער מיין אָרים רייכען שלאָף,
וואָס ווייסט וואו מיין טונקעלע בענקשאַפט לעבט אויף נאָך מיר...
זיינען עס נאָר ווערטער די קינדער,
וואָס דאַרפען ערשט אויפלעבען אין מיין בעט,
צו פאַרציהען דאָס געזאַנג פון מיר
אין זייערע בלוטען אויף זייערע אָדערען,
און אין די אויגען זייערע ווי אַן אייביג־אָנגעפרייטע שיין...

דאָס געוויין פון דיכטער.

אונטער'ן פארגליווערטען שפיגעל־גלאָז פון אלע שראנקען
שטומען זאנפט די טרערן־ווערטער אין ווייסע בלעטער־ביכער,
פון אלע אונזערע דיכטער איבער אונזערע טעג,
און א גאנצער דור מיט פארלאָשענע אויגען,
קוקט דורך דעם פארגליווערטען פייער גלאָז,
און קען איין טרער זייערע ניט אראָפּרייסען פאר זיך,
ניט אויסוויינען דעם טיפען עלענד פון זייער וועלט.
וועמעס מזל האבען זיי געבאָרען און טראגען איהם אויף זיך?
צו וועמעס רייד האָט זיי דאָס לעבען צוגעשלאָגען,
אז פון די טויזענטער יאהרען גבואה־רייד
איז אין די גערעכעניש פון דער וועלט קיין אמת געבליבען?
ניט גרינג קומען אייך איצט אָן די טעג,—
ציהען זיך שוין שאָטענס פון דור צו דור,
מיט דעם קלאָג פון אמאָליגען נביאת־שטראָף־רייד,
און היינטיגען אָבגעשלאָסענעם דיכטער־וועה...
און ס'מישען זיך אויס די טויטע פארבען פון אמאָל,
מיט דעם הייסען בלוט פון היינטיגען דיכטער־וואָרט,
גליווערען צוזאמען אין צאָרן איבער'ן פיין פון פאָלק...

פ ר אָ ו ו י נ ץ.

צום זאטען פון איינגערעטער ברייטקייט און גרויסקייט,
געהט די קלעמעניש פון איינקייט צו זיין הארץ ניט צו.
ער האָט נאָך קיינמאָל מיט אַן אמת
די גאס ניט פארלארען אין זינגענדיגען פעלד
דער שטאָט מכשף האָט איהם אויף זיינע אויגען
רויט פארגאסענע לאַמטער'ן אָנגעטאָן,
צו הערען די לויב־געזאנג איבער זיין אָפּגענארטען פייער
ווי פון א שיכור נאָכ'ן צענטען גלעזעל וויין.
און אין דעם שמאָלען טונקעלען שיין וויקעלט ער זיך,
ווארפט זיין בענקשאפט און זיין ליבע,
און זינגט מיר אין פּנים אריין זיין פרייד.
וואס איך האָב אין מיין וועג מיט שטארקייט צוטראָטען.
אָה, איך קאָן דיך דו ליגנער פון מיין הונגער־ווייסקייט!
דיינע פייערען אויף דיינע אויגען היינגען קאַלט,
פון א טויטען גאָט אָנגעצונדען.
און איך וועל קיינמאָל מיין פּנים אין דיינע אויגען ניט שפּיגלען...

ש ט א ט.

װען אלעמענס נאכט זעצט זיך אראפּ
איבּער די גלײך אויפגעהויבּענע מויער־שאָטענס פון דער ערד,
און פארמישט איין טונקעלען פארבּ אויפ׳ן גאנצען ארום
װאו באזונדערע פייערן פון שטאָט,
ברענען אויף פאר זיך אליין אָן עלענדען ליכט קרייז.
װען אלעמענס אויגען הייגגען זיך אויף פון בלינדקייט
אויפ׳ן ליכט קרייז פון לאמטיר׳ן קאָפּ,
װאָס מעסט נאָר זיך אליין אָפּ ביז׳ן צװייטען פייער - קרייז,
און פארטרויעט ניט צו קיינעם דעם העלען נאכט קלאָג
װאָס פאלט אין איהם אריין פון אויפגעקלאָגטע אויגען,
און אָפּגע׳חלומ׳טע נשמות פון װייס אויף שװארץ;
שטיי איך אויף אין דער רגע איבּער׳ן שטאָט
און װיין אריין מיין קלאָג אינ׳ם עלענדען פייער.
עפּעס האָט פון מיר געדארפט
דורכגעזען און דורכגעליכטיגט װערען
אריבּער די שאָטען־װענט פון נאכט,
און אריבּער די איינגע פייער־רינגען פון שטאָט.
עפּעס האָט געדארפט אויפגע׳חלומ׳ט װערען אין מיר
פון אלעמענס בלינדע אויגען פייער און צװייפעל־איינקייט;
נאָר הארט איז דער שטיין און דיק איז די פינסטערקייט,
איינג און שטום איז דאָס פייער פון שטאָט־נאכט,
װיינט מיין טראָט װי זייערער אייך אריין זיין נשמה קלאנג
און זיי אלע טונקעלע אריבּער מיר...

דער וועלט

עפּעס וועט דאָך בלייבען דער וועלט פון מיר,
ווי געזעטיגט איך זאָל ניט זיין אין איהר ליכט;
ווי מיין אויג זאָל ניט שלינגען די טעג און נעכט אין זיך
וועט עפּעס דאָך פון מיר צאַנקען אויף איהר געזיכט.
אין אַלע טאָג־זונען האָב איך דאָך חלומות באהאַלטען,
פאַר די אָוועטען וואס וועלען זיך אייביג רופען אָוונט,
און פאַר די אויגען פון דער פינקלענדיגער נאַכט
וואס זעהט שוין דעם שאָטען פון מיר,
דאָס שיין וואס האָט מיך פון וויג אָן אָפּגעוואַכט.
אין די קליידער מיינע וואס ווערען אַלט אויף מיר,
ברענט א שטענדיגער שטויב פון אָנגעקליבענע יאָהרען.
די אויגען מיינע גלאַנצען אויף שטאַרקער,
זעהן די ווייטקייט וואס איך האָב אין זיי שוין פאַרלאָרען.
פוצסטו מיר אויס מיין קלייד נאָר אָן אַכטונג,
דיינע אויגען זעהן ניט די ליבע פון מיר,
צום אָנגעליטענעם קלייד אויף מיין לייב.
דער ריס אויף די אַרבל איז דאָך אויך מיין ריס
וואס וועט גאַנצער איהם און מיך ניט אויף נייען,—
ווערסטו דאָך זינגען פאַר זיך אַליין פון דיין ריס,
מיט יענעם קלאַנג וואס וועט פון אַן אָפּגעהאַקטען טאָג
צו דיר קומען ווי א געבעט פון א קראַנקען,
און פון מיר וועט דאָך מיין געזאַנג אַנטרינען,
אָהן מיין גאַנצקייט מיט דעם ריס פון מיין קלייד,
עפּעס מוז דאָך בלייבען פון מיר פאַר דער וועלט צאַנקען...

ים נעכט.

א.

וואוהין די טריט פון דער וועלט,
עפענען זיך אויף א וועג אונטער דער זון,
זאל איך נאך גיין זיי אהין.
א טאג, — א טראט גלעט זיך אויס איבער'ן ים,
און בלייבט אין זיין אבגרונט.
אזוי ווי א כוואליע וואס האלט זיך אין זיין צאם.
איז נאך זאמדיג־טרוקען — אין מיט דער הימעל.
ביי די ברעגען לאזט ער זיך אראפ קאליר־רייך צום ים,
אנגעזעהן פון וואסער פארלירט ער זיין פארב
אין איהר אטעם וואס איז אייביג רוי צום רויטען ליכט.
שלאפט א נאכט אויף א נאכט דער ים אין זיין ברעג,
מיין הויז איז נאך ווייט און איך קאן שוין ווייטער איצט ניט געהן,
איז שוין איבער'ן ים געצונדען דער הימעל,
מיט די אויגען־שטערען פאר דעם גאנג פון דער וועלט,
געהט די וועלט ווייטער און איך זעה ניט וואוהין
האלט איך זיך אן פאר דער שטריק פון אלע ים נעכט געפלאכטען,
און טונק מיינע בארוועסע פיס אין זייער אבגרונט־רויט,
ביזען האלדז וועט עס דאך מיר ניט קומען אין דער רגע,
צו וואס זינגט שוין אויף די פינסטערקייט דעם טויט...

ב.

איך האָב יאהרען, איך האָב יאהרען - אנטלויף ניט וועלט!
דיינע טריט זיינען פון מיר באהאלטען,
אבער איך זעה דאָך דעם אָפּשיין פון זיי,
ניט מיט נעכט בין איך פארשטעלט פון דיר,
ניט מיט'ן ים וואס זעהט ווייטער פון מיר,
ווי אָנגעגליהט ס'קומען די מאָרגענס צום ווייטער געהן
יונג אזוי, יונג אזוי ווידער ים ארום מיר.
איך האָב מיין טאָרבע פון א רייכען פרינץ.
לאַנג שוין צוריסען אין שטיקלאך פאר ברויט און גייסט,
און הונגער שוין ניט מער דעם הונגער פון כבוד,
בין שטארק גענוג פאר מיין לעבען זיין גרוים
ניט מיט רייכקייט ניט מיט בעטלעריי און ירושה...
עפען איך אויף די טיר פון מיין איבערגעבויטער הויז.
קוק איך צום ים און רוה פון חלום זיך אויס מיינע אויגען
אריבער געשליידערט איז שוין נאָך א נאכט,
און איך הויב אָן מיינע טריט צום אויפגעשטאַנענעם מאָרגען פארנויגען.

ג.

נאָר פון ווייט שטעהן נאָך די ים־נעכט פארבלוטיגטע,
דאס בלוט פון מיינע פיס איז אין זיי איינגעזונקען, —
קען דער טאָג זיי ניט פארליכטיגען,
ניט אויסציילען איין רגע פון זיי אין זיין העלען ליכט.
די פארב פון מיין בלוט מישט זיך ניט אויס,
מיט דעם בלענדיגען פארד פון ליגנערשע טעג.
מיין ווארט, מיין אינסטינקט שלאָגט איהם צוריק,
צו פארגעסען מיך אינגאנצען פון זיך.
ס'פארבט זיך נאָך ביים ים איבער'ן וואסער,
דאס אמת'ע ווארט פון מיין לויטערען טאָג
וואס קיין הארץ האָט זיך אין זיין חלום,
קיינמאָל, נאָך קיינמאָל ניט פארוויגט....
ס'ווארטען די הערצער, ס'ווארטען די אויגען,
פון די אייביגע פארבען ארום זיי,
אז עמיץ זאל אויפרעדען דאס אמת'ע ווארט,
וואס דיכטער האָבען אין שטיקלאך אין פאסען צוריסען,
און בלוטיגען נאָך איצט אליין ארום זיי,
איך וויל אבער אזוי ארים ניט שטארבען.
צום גרויען קלאנג און רויען רעש פון אייזען און שטיין...

ד.

קלייב איך די ציטערדיגע ווערטער
פון ציטערדיגע דיכטער פאר זיך,
און וויקעל זיי איין אין די פארבען פון זייער פארגיין.
אט אזוי וויל איך מיט זיי אין זייערע אמת'ען שטארבען,
אז גרינג זאל זיין פאר דיר די ווייטע שעה
פון אונזער אוועק־זיין...
דאך פאר הערסטו איצט די רייד פון זייער נשמה־דינקייט,
וואס קלינגען ווי מיט גלאָקען נאָך א טויטען
יעדער פרימאָרגען און ווייליגע אָוועגטען.
פאר דער וועלט, פאר דער ערד אן אייביגע שטראָף.
יעדענס פארטויבטע הארץ זאל ווערען א קרבן.—
אויף די דינסטע פעדים פון געפייניגטע רגע'ס,
און בעטען, און בעטען פון אונז זייער בלוטיגע רוה,
צו אטעמען אונזער ליכט אָהן שרעק אָהן האס,
ווי דעם געהיים פארביגען נאָמען: גאָט.
ס'שלייכען זיך די ווינטען און טרייבען דאס וואסער פון ים,
ס'בינדט זיך דער הימעל מיט דער ערד דורכ'ן העלען טאָג,
און די וועלט איז ווידער אין איהר גאנג אויף ווייטער...
און איך און דו — נאָך איהר, מיט איהר...
קלייבען די ווערטער די פארבען פון טעג און צייטען
פאר זיך פאר אונזער לעבען צו אונזער שטארבען.
איבער די ים־נעכט אין א געהיימען חלום,
וואס לעבט און סוד'עט זיך איבער אונז,
צווישען וואסער און פייער, הימעל אן ערד,
און מיינע טרינ: פארנויגטע זינגען שוין אָפּ אין ווייטען מארגען.

פארלאג

„רויע ערד"

עס ערשיינט אינגיכען א בוך
לידער פון י. י. סיגאל
מיט'ן נאָמען

„באַזונדער"

דאָס בוך וועט ענטהאלטען
200 זייטען מיט לידער וואס
זיינען נאָך אינערגעץ ניט
געדרוקט געווען.

OOO

עס ווערט אויך צוגעגרייט
צום דרוק דאָס ערשטע ליטע־
ראַרישע זאמעלהאפט

„עפּאָכע"

רעדאגירט פון
י. י. סיגאַל

LIBRARY
OCT 23 1957
UNIVERSITY OF TORONTO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan

PJ
5129
S436
F3
1921